**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו פארשטערקערן דעמאקראטיע אין ניו יארק**

***ביל S.1381A/A.1722B פאדערט אמענדמענט פארשלאגן און פראגן אויפן בעלאט צו געשריבן ווערן אין פשוט'ע און פארשטענדליכע ווערטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל וואס וועט דאס גרינגער מאכן פאר ניו יארקער צו פארשטיין פארגעשלאגענע אמענדמענטס (ענדערונגען) צו די קאנסטיטוציע און אנדערע פראגן וואס ווערן געשטעלט פאר וויילער אויף די בעלאט אין ניו יארק סטעיט. אונטער די ביל, מוזן פארגעשלאגענע קאנסטיטוציע אמענדמענטס און אנדערע פראגן אויפן בעלאט ערקלערט ווערן אין פשוט'ע און קלארע ווערטער וואס ערמעגליכן די וויילער צו פארשטיין די פראקטישע באדייט פון אננעמען אדער אפווארפן די פארשלאג אויף וועלכע זיי ווערן געבעטן צו שטימען.

"דורות פון אמעריקאנער האבן געקעמפט פאר זייער רעכט צו שטימען, און ניו יארק טוט אונזער חלק צו זיכער מאכן אז צוטריט צו די וואלן איז יושר'דיג און גערעכט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב שטאלצערהייט אריינגעשריבן דעם 'דזשאן ר. לואיס וויילער רעכטן אקט פון ניו יארק' אין געזעץ לעצטע יאר, און עס איז מיר א פארגעניגן צו איינפירן די נייע ביל וואס וועט זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די נויטיגע אינפארמאציע און זענען באשיצט ווען זיי גיבן אפ זייער שטימע איבער פארגעשלאגענע אמענדמענטס צו די קאנסטיטוציע."

ביל S.1381A /A.1722B פארלאנגט אז פראגן – אריינרעכענענדיג פארגעשלאגענע קאנסטיטוציע אמענדמענטס וועלכע ווערן ארויסגעלייגט פאר עפנטליכע וואלן אריבער די סטעיט – זאלן געשריבן ווערן אין פשוט'ע שפראך. די ביל שטעלט אוועק א סטאנדארט פאר די געשריבענע ווערטער אויף אלע בעלאטס צו געשריבן ווערן אויף א שפראך וואס קינדער אין אכטע קלאס קענען לייענען אדער ווייניגער דערפון, און אזוי אויך פארלאנגט עס אז פראגן זאלן געשטעלט ווערן אין א צורה פון 'יא אדער ניין', כדי אלע בירגער זאלן האבן א יושר'דיגע געלעגנהייט צו אפגעבן זייערע שטימעס פילנדיג זיכער מיט זיך.

ווען טעכנישע און קאמפליצירטע ווערטער ווערן גענוצט צו ערקלערן פארגעשלאגענע אמענדמענטס אדער אנדערע פראגן אויף די בעלאט, קען דאס מאכן אז וויילער זאלן פילן צומישט איבער די באשלוס וואס זיי ווערן געבעטן צו מאכן. אלס רעזולטאט קענען טייל וויילער באשלוסן נישט צו שטימען אויף די פראגן בכלל, אדער קען דאס מאכן אז זיי זאלן נישט זיין זיכער אויב זיי האבן צום סוף אויסגעוועהלט די אפציע וואס זיי האבן געוואלט. דורכן פארלאנגען אז פשוט'ע ווערטער זאלן גענוצט ווערן אויף אזעלכע בעלאט פראגן, וועט די ביל וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול היינט העלפן באפולמעכטיגן ניו יארקער ביי די וואלן צו אפגעבן זייערע שטימעס פילנדיג זיכער מיט זיך און זיך צו לאזן הערן איבער וויכטיגע פראגן וואס האבן אן איינפלוס איבער זייער עקאנאמיע און איבער די גאנצע סטעיט.

**סטעיט סענאטאר ליראָי קאַמרי האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו זעהן מיין פשוט'ע שפראך בעלאט ביל ווערנדיג אריינגעשריבן היינט אין געזעץ. דורכן ארויפלייגן ווערטער וואס זענען גרינגער צו פארשטיין אויף בעלאט פאליסי פראגן, קענען מיר בעסער זיכער מאכן אז די אמת'ע און פולשטענדיגע באטייליגונג אין וואלן איז נישט בלויז די רעכט פון די וועלכע קענען זיך אויס אין לעגאלע טערמינען אדער די וועלכע פארשטייען די בעסטע די ענגלישע שפראך, נאר [אז עס איז די רעכט] פון אלע וויילער. איך וויל באדאנקען אסעמבלי מיטגלידערין סטעפאני זינערמאן פארן אריבערפירן די ביל אין די אסעמבלי, און איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן די ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין סטעפאני זינערמאן האט געזאגט,** "מיט די אונטערשרייבונג פון די ביל דורך גאווערנער האקול, איז די פשוט'ע שפראך ביל א גרויסע זיג פאר וואלן רעכטן. עס ברענגט גערעכטיגקייט פאר די פובליקום וואס שטימט דורכן פשוט מאכן לעגאלע ווערטער, און עס גיבט א גלייכערע געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער מיט א שפראך וואס גיבט זיי די מעגליכקייט זיך צו באטייליגן אין אונזער דעמאקראטיע. איך וויל באדאנקען Common Cause און אלע שפראך קענטעניס שותפים פארן קעמפן פאר די ביל, און אזוי אויך מיינע קאָו-ספאנסארס פארן באשיצן די גרונדשטיין פון אונזער דעמאקראטיע — אונזער רעכט צו שטימען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן